**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/5/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט נייע האריקאן עוואקואירונג שטודיע צו פארבעסערן פובליק זיכערהייט פלאנירונג באמיאונגען פאר קאטאסטראפישע טראפישע שטורעמס**

***שטודיע פינאנצירט דורך דעם נאציאנאלער האריקאן פראגראם וועט זיך קאנצענטרירן אויף פלעצער אין העכערע סכנה פון טראפישע שטורעמס, אריינרעכענענדיג ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און אונטערשטע מיד-האדסאן ראיאנען***

***איניציאטיוו נעמט אריין קריטישע שותפים ווי די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור, פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט, נאציאנאלע האריקאן צענטער און לאקאלע עמערדזשענסי פארוואלטונג אגענטורן***

***ניו יארק סטעיט'ס לעצטע האריקאן עוואקואירונג שטודיע איז דורכגעפירט געווארן אין 2009, בעפאר עטליכע שרעקליכע טראפישע שטורעמס, אריינרעכענענדיג סענדי, איירין, לי און איידע; שטודיע וועט אויך אנאליזירן פלענער פאר אנדערע סכנות ווי פארפלייצונגען און טארנאדאס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א נייע האריקאן עוואקואירונג שטודיע (Hurricane Evacuation Study, HES) וואס וועט פארבעסערן די פובליק זיכערהייט פלאנירונג באמיאונגען פאר די ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און אונטערשטע מיד-האדסאן ראיאנען וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו די השפעות פון קאטאסטראפישע טראפישע שטורעמס. די שטודיע וועט דורכגעפירט ווערן דורך די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) אין צוזאמענארבעט מיט די פעדעראלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט אגענטור (Federal Emergency Management Agency, FEMA), די פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן איינהייט (U.S. Army Corps of Engineers, USACE), די נאציאנאלע האריקאן צענטער (National Hurricane Center, NHC) און מיט לאקאלע עמערדזשענסי פארוואלטונג אגענטורן אין ניו יארק סיטי, נעסאו און סופאָלק קאונטיס אין לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי. די סטעיט'ס נייע HES וועט גענוצט ווערן צו פארבעסערן די פלאנירונג פאר רעאקציע צו א קאטאסטראפישע טראפישע שטורעם, אריינרעכענענדיג פאטענציאלע סכנות וואס באגלייטן טראפישע שטורעמס ווי צום ביישפיל פארפלייצונגען, טארנאדאס א.א.וו., אנגעלעגנהייטן ארום שעלטערס און טראנספארטאציע און אזוי אויך אנדערע דעמאגראפישע און געזעלשאפטליכע-עקאנאמישע אנגעלעגנהייטן. דאס איז די ערשטע האריקאן עוואקואירונג שטודיע צו דורכגעפירט ווערן איבערן סטעיט זינט 2009.

"ניו יארקער זענען צו באקאנט מיט די שרעקליכע השפעות וואס טראפישע שטורעמס און האריקאנען קענען אנברענגען אויף אונזערע קאמיוניטיס נאענט און ווייט פון די ים ברעגעס אריבער די גאנצע מיד-האדסאן ראיאן ביז די מזרח שפיץ פון לאנג איילענד, און איבעראל אינצווישן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין הויפט פריאריטעט איז צו האלטן ניו יארקער זיכער, און מיר וועלן ארבעטן צוזאמען מיט

אונזערע פעדעראלע שותפים און מיט לאקאלע רעגירונגען צו פארזיכערן אז אונזערע קאמיוניטיס און זייערע עמערדזשענסי מענעדזשערס האבן די וויסנשאפט, מיטלען און כלים וועלכע זענען נויטיג זיך צו גרייטן פאר צוקונפטיגע שטורעמס."

פריער די וואך האבן גאווערנער האקול און די נאציאנאלע האריקאן צענטער אנאנסירט א [האריקאן גרייטקייט וואך](#) אין ניו יארק סטעיט לויפנדיג פון אפריל 30 ביז מאי 6. די יערליכע קאמפיין דערמאנט ניו יארקער צו איבערקוקן זייערע פערזענליכע עמערדזשענסי גרייטקייט פלענער און צו לערנען מער איבער טראפישע שטורעמס און איבער זייערע השפעות בעפאר דעם אטלאנטישע האריקאן סעזאן.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "האריקאנען און טראפישע שטורעמס זענען מאכטפולע געשעענישן וואס פאראורזאכן פארפלייצונגען נאענט און ווייט פון די ים ברעגעס און געפארפולע שנעלע ווינטן וואס פאראורזאכן צו אפט אז לעבנס זאלן פארלוירן ווערן און באדייטנדע שאדנס צו אינפראסטרוקטור, ברייט-פארשפרייטע עלעקטריציטעט קורצשלוסן און שטערונגען צו קאמיוניטיס. אין לויף פון די קומענדיגע עטליכע יאר וועלן מיר ארבעטן האנט ביי האנט מיט אייערע לאקאלע עמערדזשענסי מענעדזשמענט בעאמטע צו דערפרישן עוואקואירונג רוטס און פלענער וואס האלטן אייך פארזיכערט אין פאל פון א בעפארשטייענדע געפארפולע טראפישע שטורעם."

דער נאציאנאלער האריקאן פראגראם וואס נעמט אריין FEMA, USACE און די NHC וועלן צושטעלן די פינאנצירונג פאר די האריקאן עוואקואירונג שטודיע. די DHSES'ס אפיס פון עמערדזשענסי פארוואלטונג האט לעצטנס אנגעהויבן די ערשטע צוויי שטאפלען פון די שטודיע – סכנות און אויסשטעלונג אנאליזן – מיט אלע באטרעפנדע פעדעראלע און לאקאלע שותפים אין רעגירונג. די שטאפלען פון די שטודיע זענען ערווארטעט צו זיין פארענדיגט ביז קומענדיגע הערבסט.

**FEMA ראיאן 2 אדמיניסטראטאר, דעיוויד ווארינגטאן, האט געזאגט,** "FEMA אנערקענט ווי קריטיש עס איז צו איבערפרישן די האריקאן עוואקואירונג שטודיע איבערן סטעיט. עס איז אונז א פארגעניגן צו שפילן א ראלע ביים שטיצן לאקאלע און סטעיט עמערדזשענסי פארוואלטונג בעאמטע צו מאכן קלוגע באשלוסן פאר זייערע קאמיוניטיס. מיר וועלן פארזעצן צו שטיצן זייערע גרייטקייט באמיאונגען פאר צוקונפטיגע שטורעמס אזוי ווי עס פאדערט זיך שותפות אריבער אלע שטאפלען פון רעגירונג צו ערגרייכן אזא אויפגאבע."

**פאראייניגטע שטאטן ארמיי אינדזשענירן אייניהייט, ניו יארק דיסטריקט קאמאנדיר, קאלאנעל מעטיו לוּצאטאו, האט געזאגט,** "עס איז א פארגעניגן פאר די ניו יארק דיסטריקט צו שטיצן די נייע שטודיע אונטערנעמונג פאר ניו יארק סטעיט צו צושטעלן נויטיגע אינפארמאציע צו פארזיכערן אז די איינוואוינער פון ניו יארק סטעיט זענען גרייט פאר צוקונפטיגע האריקאנען און טראפישע שטורעמס. צוזאמענארבעט איז די וויכטיגסטע זאך ביים דורכפירן די סארטן גרויסארטיגע אונטערנעמונגען, און איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין ניו יארק סטעיט און FEMA צו לייזן טייל פון די ראיאן'ס שווערסטע פראבלעמען ווען עס קומט צו האריקאן עוואקואירונג און אנדערע אומגעוואונטשענע וועטער געשעענישן."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז עקסטרעמע וועטערן ווי האריקאנען ווערן שטערקער, מער חורבנות'דיג און מער אפט. אזוי ווי קלימאט טויש רוקט זיך פאראויס, וועט דאס וויסן וועלכע פלעצער האבן די גרעסטע סכנה פון פארפלייצונג און שאדן אונז העלפן זיך צו צוגרייטן און זיך אפצורופן דורכאויס צוקונפטיגע עמערדזשענסיס און צו ארויפבויען אויף די אדמיניסטראציע'ס אינוועסטירונגען אין עמערדזשענסיס גרייטקייט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אנהויבן די שטודיע וואס וועט העלפן באשיצן ניו יארק סיטי אין די קומענדיגע יארן."

**סופאלק קאונטי עקזעקיוטיוו, סטיוו בעלאָון, האט געזאגט,** "אלץ אן אינזל איז וואסער קריטיש צו אונזער לעבנס שטייגער, און אין די נייע און פארמערנדע מציאות פון עקסטרעמע וועטערן, טארן מיר נישט שטיין מיט פארלייגטע הענט ווען די אלטע וועגן צו האנדלען מיט א שטורעם זענען שוין נישט גענוג. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר אירע אנגייענדע באמיאונגען צו פארזיכערן אז לאנג איילענדער זענען זיכער און גרייט נישט אויב נאר ווען נאך סכנות'דיגע שטורעם קומט אן."

**נעסאו קאונטי עקזעקיוטיוו, ברוס בלעיקמאן, האט געזאגט,** "נעסאו קאונטי ארבעט מיט גאווערנער האקול צו פארזיכערן אז מיר זענען גרייט פאר סיי וועלכע עמערדזשענסי, אריינרעכענענדיג האריקאנען, זאווערוכעס און אנדערע מעגליכע סכנות צו די פובליק זיכערהייט."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו, דזשארדזש לאַטימער, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר גרייטן זיך פאר דעם בעפארשטייענדן האריקאן סעזאן, מוזן מיר בלייבן וואכזאם און אקטיוו מיט אונזערע בעפארשטייענדע צו האלטן אונזערע קאמיוניטיס זיכער. די נייע האריקאן עוואקואירונג שטודיע וועט אונז געבן די קריטישע וויסנשאפט און מיטלען וועלכע זענען נויטיג צו פארבעסערן אונזער אנטווארט און פלאנירונג באמיאונגען אין פאל פון א קאטאסטראפאלע שטורעם. מיר זענען פארפליכטעט צו פארזיכערן די זיכערהייט פון אלע וועסטשעסטער איינוואוינער פון די השפעות פון שווערע וועטער, און מיר באדאנקען די סטעיט פאר זייער פלייסיגע ארבעט."

**איבער די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון — טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די Facebook בלאט, פאַלאָוט @NYSDHSES אויף Twitter אדער באזוכט dhses.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן